בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון י"ב

פרשת במדבר תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי שְׁכִינָה

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה'. עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה אוּן כָּבוֹד צוּ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל, גֵיי אִיךְ צוּם עֶרְשְׁט צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה; בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זֹהַר חָדָשׁ, לֶךְ לְךָ), וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט, אִיז עֶר צוּם עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "לָאמִיר גֵיין **מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי שְׁכִינָה**". טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואלְט יֶעצְט גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, וואוּ וָואלְט עֶר צוּם עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען?' עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע דְרֵיי זוֹילְן אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵייט (אָבוֹת א, ב); תּוֹרָה - עֶס אִיז דָא דִי כּוֹלֵל וואוּ אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען, עֲבוֹדָה - עֶס אִיז דָא בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים וואוּ מֶען דַאוֶוענְט, גְּמִילַת חֲסָדִים - עֶס אִיז דָא חֶסֶד, אָבֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט: "**אִיךְ מוּז קוֹדֶם קוּמֶען מְקַבֵּל זַיין 'אַפֵּי שְׁכִינְתָּא', דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה**", קוֹדֶם גֵייט עֶר צוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

### דָאס אִיז דִי שְׁטָאט!

פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אִיז גֶעוָוארְן דְרֵיי יָאר זַייט דֶער שְׁטֶעטְל שְׁטֵייט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דְרֵיי יָאר פַארְדֶעם - וֶוען קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט מִיט גֶעהַאלְטְן - הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלַאנְצְן דִי קֶערְנְדְלֶעךְ, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלַאנִירְן וואוּ מֶען זָאל עֶס מַאכְן אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס מֶעלְדְן פַאר דֶער עוֹלָם.

(בִּשְׁעַת מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם שְׁטֶעטְל, אִיז עֶס גֶעוֶוען בַּיי מֶענְטְשְׁן אַזַא מִין חוֹזֶק, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס שְׁטֶעטְל, וואוּ שְׁטֶעטְל... בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט וואוֹינֶען שׁוֹין דָא הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן עֶס בּוֹיט זִיךְ יֶעצְט נָאךְ אַסַאךְ דִירוֹת, לוֹיט וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועלְן דָא וואוֹינֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת.

אוֹיךְ אִין דִי מוֹסְדוֹת שִׁיקְן יֶעצְט גָאר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט מִשְׁפָּחוֹת, רוֹב שְׁטֶעטְל בַּאשְׁטֵייט פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס שִׁיקְן נָאךְ דִי קִינְדֶער צוּ בֶּעבִּי סִיטֶערְס, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי דִי מוֹסְדוֹת וֶועט זַיין אִין אַ יָאר צְוֵויי אַרוּם. מִיר הָאפְן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ אַרִיבֶּער צִיעֶן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן, אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע וֶועט זַיין אִינֶעם עֶרְשְׁטְן בִּנְיָן, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן אָנְצוּגְרֵייטְן אַ דְרִיטֶע בִּנְיָן אַבִּיסְל אַרוֹיפְצִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן וַוייטֶער).

הָאבּ אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי הַנְהָלָה: "**וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ מוֹסָד, וואוּ וֶועט מֶען מַאכְט דֶעם חֵדֶר?**" וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁטָאט! אַ שְׁטָאט אִיז אַז עֶס זִיצְט אַ מְלַמֵּד מִיט קִינְדֶער אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי: "אַלֶף בֵּית", דֶערְנָאךְ: "קָמַץ אַלֶף אָ", "קָמַץ בֵּית בָּ", נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען שׁוֹין 'תְּהִלִּים', נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אָן צוּ לֶערְנֶען 'חוּמָשׁ רַשִׁ"י', - דָאס אִיז אַ שְׁטָאט!

### בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער

אַוַודַאי אִיז אַ שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין; נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל קוּמֶען מְלַמְּדִים מִיר זָאגְן: "**גֶעוֶענְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ**", "**עֶס נֶעמְט מִיר אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע כֹּחַ**", זָאלְט עֶטְץ ווִיסְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אַרְבֶּעט אוּן פְּלָאגְט זִיךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער.

אִיךְ דֶערְצֵייל אֵייבִּיג דִי מַעֲשֶׂה אַלְס מָשָׁל, (אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן זֵיי אַז אִיךְ קֶען דָאס דֶערְצֵיילְן בָּרַבִּים); וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי בְּרִידֶער וָואס בֵּיידֶע הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער מְלַמֵּד אִין חֵדֶר, דֶער צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין בּוֹיעֶן הַייזֶער. אִיז דֶער בְּרוּדֶער - דֶער מְלַמֵּד צוּקוּמֶען מִיר זָאגְן: "**וָואס דַארְף אִיךְ דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מְלַמְּדוּת? עֶס קָאסְט מִיר כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, קוּק מַיין בְּרוּדֶער, אִים אִיז פִיל גְרִינְגֶער, עֶר אִיז מְסוּדָר, עֶר הָאט אַ דְזְשַׁאבּ, עֶר אַרְבֶּעט זַיינֶע שָׁעָה'ן אוּן בַּאקוּמְט אַ גֶעהַאלְט**".

זָאג אִיךְ אִים: "**דוּ וֵוייסְט, דַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר פוּנְקְט הַיינְט צוּפְרִי אָנְגֶערוּפְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְקֶערְט, עֶר זָאגְט מִיר 'וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? קוּק מַיין בְּרוּדֶער, עֶר זִיצְט אִין חֵדֶר מִיט אַ כִּתָּה קִינְדֶער, עֶר רֶעדְט צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דַארְף אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט בּוֹיעֶן הַייזֶער? וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט?!'**" פְרֶעגְט דֶער מְלַמֵּד: "**מַיין בְּרוּדֶער הָאט עֶס טַאקֶע גֶעזָאגְט?**" זָאג אִיךְ אִים: "**לָאמִיר אִים אָנְרוּפְן, וֶועסְטוּ עֶס הֶערְן פוּן אִים אַלֵיינְס**", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס עֶר הֶערְט; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין פְּלָאג אִין זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט.

### עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי גוּט

אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר זָאגְט מִיר: "**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט! נָאךְ מַיין חֲתוּנָה בִּין אִיךְ אַרַיין אִין קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אִינְסְטָאלִירְט קִיכְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיךְ גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵּד בַּיי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער**".

[מֶען קֶען זָאגְן אַז צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶוערֶער אוּן מֶען קֶען זָאגְן אַז מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גְרִינְגֶער; פַאר מִיר קוּקְט אוֹיס אַז מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶוערֶער, וַוייל זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דֶעם שֵׂכֶל פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט צְוֶועלְף דְרַייצְן יֶערִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין שֵׂכֶל, עֶס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט זֵיי. אִיךְ זֶע טַאקֶע וִוי דֶער מְלַמֵּד מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אִיךְ הַאלְט דָאס מִיט בַּיים עֶסְן, דִי פְרִישֶׁע קִינְדֶער

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

וֵויינֶען, זֵיי וִוילְן אַוֶועק לוֹיפְן פוּנֶעם טִישׁ, אוּן עֶר כַאפְּט זֵיי אָן, נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק, נָאר מִיט רַחְמָנוּת, עֶר הַאלְט זֵיי נֶעבְן זִיךְ בִּיז זֵיי בַּארוּאִיגְן זִיךְ, בִּיז זֵיי זֶעעֶן אַיין אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן, מֶען דַארְף זִיצְן שַׁיין].

זָאגְט דֶער מְלַמֵּד וַוייטֶער: "הַיינְט שְׁפִּירְט זִיךְ **עֶס אַזוֹי גוּט, אִיךְ זִיץ מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ גֶעבּ אַרוֹיס תַּלְמִידִים; עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער צֶען יָאר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרוֹיס גֶעגֶעבְן הוּנְדֶערְטֶער תַּלְמִידִים וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פָּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, ווִי זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס זֶענֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים!**"

## אַ גַאנְץ לֶעבְּן זֶעגְן הָאלְץ?!

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זַייעֶר גֶעלוּנְגֶענֶע הֶענְט, עֶר קֶען מִיט אַפָּאר שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ מַאכְן סֵיי וֶועלְכֶע מֶעבְּל מֶען דַארְף, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט מִיט מֶעבְּל אוּן שַׁיין פַארְדִינְט, זוּמֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען מֶענֶעדְזְשֶׁער אִין אַ קֶעמְפּ פוּן אַ רִיזִיגֶע יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, עֶר אִיז אַרוֹיס מִיט צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער רֶוַח.

[עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁווֶערֶע זַאךְ צוּ זַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער פוּן אַ קֶעמְפּ, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, "**וָואס דַארְפְסְטוּ? אַ נֵייעֶ סְקְרִין, אַ נֵייעֶ רִיגְל, פֵיין, אִיךְ פַארְשְׁרַייבּ דָאס אוֹיף מַיין לִיסְטֶע**", בַּאלְד פָארְט מֶען שׁוֹין אַהֵיים פוּן קֶעמְפּ אוּן יֶענֶער הָאט שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן פוּן זַיין סְקְרִין אוּן רִיגְל. דִי מֶענֶעדְזְשֶׁערְס וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם סוֹד, הַאלְטְן עֶס נִישְׁט אוֹיס, וַוייל יֶעדֶער דַארְף אוּמְצָאלִיגֶע זַאכְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, אָבֶער מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן גְרִינְג, אַבִּיסְל פַארְֶערְכְט מֶען אוּן אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט מֶען אַז מֶען וֶועט עֶס בַּאלְד פַארֶערְכְטְן, אוּן בַּאלְד פָארְט מֶען שׁוֹין אַהֵיים...]

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "**וָואס טוּסְטוּ? דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועסְטוּ זֶעגְן הָאלְץ?! קוּם אִין חֶדֶר צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ מִיט זֵיי אוּן רֶעד צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**" אוּן הַיינְט בַּאדַאנְקְט עֶר זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אִים אָנְגֶעטְרָאגְן דִי מְלַמְּדוּת.

## מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן; אִינְוֶועסְטִיר אֵיין מָאל אִין אַ נֵייעֶ רֶעקָארְדֶער מִיט צְוֵויי קְלֵיינֶע סְפִּיקֶערְס, זֶעץ זִיךְ אַוֶועק אִינְדֶערְהֵיים וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר ווִי דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין כִּתָּה, צִינְד אָן דֶעם רֶעקָארְדֶער אוּן זָאג אַרַיין קְלָאר: "**אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ שַׁיין אַרָאפּ**", וַוארְט אַבִּיסְל דֶערְנָאךְ זָאג: "**וואוּ! מֶען זִיצְט אַזוֹי שַׁיין! יֶעדֶער הֵייבְּט אָן שַׁיין צוּזַאמֶען 'מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ'... יֶעצְט גֵייט מֶען שׁוֹין אַרוֹיס נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט 'בָּרוּךְ אַתָּה'...**" דָאס קֶען מֶען אָנְצִינְדְן יֶעדְן טָאג. אוֹיךְ קֶען מֶען דָאס טוּן מִיט דִי פַּרְשָׁה, מֶען רֶעקָארְדִירְט אֵיינְמָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן מֶען שְׁפִּילְט דָאס אוֹיף יֶעדְן טָאג.

אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעקָארְדִירְן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, קֶען מֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן פַאר קִינְדֶער יֶעדֶע בַּעַל מְסַפֵּר אוּן יֶעדֶע זִינְגֶער, עֶס מוּז זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; מֶען קֶען הַיינְט קוֹיפְן רֶעקָארְדִירוּנְגֶען אוֹיף אַלֶע פַּרְשִׁיּוֹת אוּן יָמִים טוֹבִים, פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, ר' דָוִד חַנַנְיָ' וַוייס פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, עֶס אִיז פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ קֶען מֶען עֶס אוֹיךְ אָנְצִינְדְן, אַזוֹי הֶערְט דָאס קִינְד בִּשְׁעַתְ'ן שְׁפִּילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע חָכְמָה, וַוייל אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה וֶוען אֵיין קִינְד שְׁטֶערְט, אַז אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: "**אִיךְ וִויל נִישְׁט דַאוֶונֶען!**" דַאוֶונְט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה וַוייטֶער מִיטְ'ן רֶעקָארְדֶער, אוּן מֶען נֶעמְט דֶעם קִינְד אִין דֶער זַייט, מֶען אִיז אִים מְשַׁחֵד אַז עֶר זָאל וֶועלְן דַאוֶונֶען.

## זִיכֶער אִיז דָא אַ תֵּירוּץ

אַ קִינְד וֶוערְט נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי מְשׁוּגָע, אַז עֶר זָאגְט: "**אִיךְ וִויל נִישְׁט דַאוֶונֶען!**" זִיכֶער אִיז דָא אַ תֵּירוּץ פַארְוָואס עֶר וִויל נִישְׁט הַיינְט דַאוֶונֶען, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג בַּיינַאכְט, אָדֶער אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס נֶעכְטְן בַּיי נַאכְטְמָאל, זַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ צֶעקְרִיגְט אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁרֶעק פוּן דֶעם, אַמָאל וֵוייסְט דֶער קִינְד אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז הַיינְט מְשׁוּגָע, עֶס קֶען אַמָאל אַרוֹיס קוּמֶען עֶרְשְׁט אִין פוּפְצְן יָאר אַרוּם זַאכְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, וָואס צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר הַיינְט נִישְׁט נָארְמַאל.

## מַאךְ זֵיי פַאר גַבָּאִים

דֶערְפַאר אִיז גוּט פַארְ'ן מְלַמֵּד צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אָדֶער צעבראכענע אויסגעלאשענע קינדער אוּן זֵיי מַאכְן פַאר 'גַבָּאִים' אוֹיסְצוּטֵיילְן צֶעטְלֶעךְ אוּן קְרֶעיאַנְס, אָדֶער אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵּד זָאל אוֹיסְוֶועלְן וֶועלְכֶע בְּלַאט צוּ פַארְבְּן אוּן וֶועלְכֶע קָאלִיר קֶענְדִי צוּ טֵיילְן, זָאל דֶער קִינְד אוֹיסְוֶועלְן דֶעם בְּלַאט אוּן קָאלִיר. דֶער רֶבִּי זִיצְט אוֹיף זַיין בֶּענְקְל אוּן מִיט אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקֵייטְן בּוֹיט עֶר אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# הִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מַאכְן שָׁלוֹם

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ אַז מֶען קֶען מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן קִינְדֶער מִיט מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) וִוי אַזוֹי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן פְלֶעגְט שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן צְוֵויי פַּיינְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ רְאוּבֵן אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט? **שִׁמְעוֹן הָאט דִיךְ יָא לִיבּ!**" רְאוּבֵן וואוּנְדֶערְט זִיךְ: "**וָואס הֵייסְט, שִׁמְעוֹן הָאט מִיךְ לִיבּ?! אִיךְ קוּם דָאךְ יֶעצְט פוּן גַאס, עֶר הָאט יֶעצְט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר!**" זָאגְט אִים אַהֲרֹן: "**עֶר הָאט טַאקֶע גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִיר, אָבֶער עֶר מֵיינְט עֶס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, בֶּאֱמֶת הָאט עֶר דִיךְ לִיבּ, עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן וֶוען עֶר טְרֶעפְט דִיךְ, דֶערְפַאר שְׁרַייט עֶר אוֹיף דִיר**", אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיין גֶעוָוארְפְן אַבִּיסְל סְפֵיקוֹת בַּיי רְאוּבֵן, עֶר זָאל מֵיינֶען אַז שִׁמְעוֹן הָאט אִים יָא לִיבּ, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ שִׁמְעוֹן מִיט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אִים אָנְגֶערֵייצְט אַז רְאוּבֵן הָאט חֲרָטָה, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִיר, אוּן עֶר וִויל שָׁלוֹם מַאכְן; עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אַז מֶען וֶועט אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז עֶר זָאגְט לִיגְנְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמַאכְט שָׁלוֹם.

דָאס קֶען מֶען טוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: "**דַיין לֶערֶערִין הַאלְט פוּן דִיר**", אוּן מֶען זָאגְט פַאר דִי לֶערֶערִין: "**מַיין טָאכְטֶער הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ**".

### וָואס אֵיין 'מִצְוָה צֶעטְל' קֶען אוֹיפְטוּן

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען טוּן וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט אַ 'מִצְוָה צֶעטְל', מֶען קֶען מִיט אֵיין 'מִצְוָה צֶעטְל' אוֹיפְטוּן עֶטְלִיכֶע זַאכְן, וַוייל סֵיי דִי לֶערֶערִין אוּן סֵיי דָאס קִינְד לֵיינֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, אַז מֶען שְׁרַייבְּט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "**אִיךְ הָאבּ פַארְהֶערְט מַיין טֵייעֶרֶער בַּאלִיבְּטֶער הַארְצִיגֶער זוּן ...; עֶר הָאט זֵייעֶר זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט!** - זֶעט דָאס קִינְד: 'אָה, מַיין טַאטֶע הָאט מִיךְ לִיבּ', דֶערְנָאךְ שְׁרַייבְּט מֶען: "**אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת, אוּן אִיךְ וִויל זָאגְן פַאר דֶער רֶבִּי אַז עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶער רֶבִּי**", - דָאס מַאכְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן, נָאכְמֶער שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים.

וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד: "**דַיין רֶבִּי הַאלְט מוֹרָא'דִיג פוּן דִיר!**" אֲפִילוּ עֶס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן, אוּן אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי הָאט יֶעצְט אָנְגֶערוּפְן זָאגְן עֶפֶּעס אַ פְּרָאבְּלֶעם אוֹיפְ'ן קִינְד, אוּן פַאר דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען: "**מַיין קִינְד הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ גֵיין אִין חֶדֶר!**" וֶוערְט שׁוֹין שָׁלוֹם, בֵּיידֶע וֶועלְן שׁוֹין קֶענֶען קוּקְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט שׁוֹין הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ וִוילְן הֶעלְפְן דֶעם קִינְד.

### רֶעדְן שַׁיין מִיט שֵׂכֶל

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַז אִיר וִוילְט עֶפֶּעס פוּעֶלְ'ן בַּיי אַ קִינְד זִיגְלְט נִישְׁט אָפּ דֶעם קִינְד שְׁלֶעכְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ קִינְד וָואס אִיז אַבִּיסְל אָנְגֶעפִילְט, טָאר מֶען אִיר נִישְׁט זָאגְן: "**גְרָאבֶּער, גְרָאבֶּער, גְרָאבֶּער**", דָאס מַאכְט חָרוּב דֶעם קִינְד, סֵיי דָאס קִינְד וֶועט בְּלַייבְּט גְרָאבּ, אוּן סֵיי נָאכְדֶעם וֶועט זִי אַייךְ פַּיינְט הָאבְּן, נָאךְ אִיר חֲתוּנָה וֶועט זִי נִישְׁט וֶועלְן קוּמֶען, וַוייל מֶען הָאט אִיר אַזוֹיפִיל דֶערְנִידֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט.

פארזעצונג אין עמוד ג' >>>

# חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים

ארויסגענומען פונעם 'דף שיעור' פונעם ראש ישיבה שליט"א

**הערליכע דיבורים וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט צו די מלמדים נאכ'ן פארלערנען דעם בלאט גמרא.**

### ארײן לייגן 'יראת שמים'

די מלמדים דארפן זיין זייער פרייליך אז זיי זענען זוכה צו זיין פון די מנהיגי ישראל, ארײן צו לייגן 'יראת שמים' אין די קינדער.

ווען מען לערנט מיט קינדער, דארף מען אויך זען ארײן צו לייגן אין זיי יראת שמים, מען לערנט נישט די תורה אזוי ווי מען שטודירט עפעס א חכמה חס ושלום, נאר די גאנצע לערנען איז איין שטיק יראת שמים.

### זאגט די 'הייליגע' משנה

מען קען גלייך באמערקן אויף א מלמד צי ער איז א ירא שמים אדער נישט, אויב איז די גאנצע לערנען געווארן צי 'דו קענסט יא' אדער 'דו קענסט נישט', מיינט עס אז די גאנצע לערנען איז ביי אים ווי א פשוט'ע חכמה, ווידער ביי א מלמד א ירא שמים קען מען הערן ווי בשעת'ן לערנען פלעגט ער ארײן יראת שמים, יעדעס מאל ער הייבט עפעס אן לערנען זאגט ער: "זאגט די 'הייליגע' משנה", "זאגט די 'הייליגע' גמרא", "זאגט די 'הייליגע' רש"י", ער לערנט אויס צו קושן די סידור, קושן די גמרא.

### געב עס א קוש!

אז עס פאלט אראפ א ספר אינמיטן פארלערנען, קען מען נישט זאגן: **"יעצט דארף מען גיין ווייטער, מען האלט אינמיטן א תוספות, באלד וועט מען עס אויפהייבן"**, נאר מען שטעלט אפ די כתה און מען זאגט: **"הייב אויף די הייליגע חומש, געב עס א קוש"**, דאס מיינט ארײן לייגן יראת שמים.

מען קען אמאל זען, ווען עס פאלט אראפ א ספר פון טיש, ווי א קינד הייבט עס אויף מיט זיינע **פיס, מיט די פיס נעמסטו די גמרא? מיט די פיס נעמסטו א חומש?!** נעבעך, די הייליגע תורה איז ביי אים א טריקענע זאך, ער האט נישט געהאט קיין גוטער מלמד. קריך אראפ אויף דער ערד, הייב עס אויף און געב עס א קוש!

### קושן די מזוזה

מען דארף אויסלערנען די קינדער צו קושן די מזוזה; צום הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו זענען געקומען צוויי בחורים זיך פארהערן די הוראה, איינעם האט ער פארהערט און געגעבן סמיכה אז ער קען פסק'ענען, און דעם צווייטן האט ער געהייסן צוריק קומען מארגן, צומארגנס האט ער אים נאכאמאל געזאגט: **"קום צוריק מארגן"**, דעם דריטן טאג האט ער זיך שוין איינגאנצן ארויסגעדרייט פון אים פארהערן. האט זיין זון אים געפרעגט: **"טאטע, פארוואס האסטו נישט געוואלט פארהערן דעם צווייטן, ער קען דאך אויך גוט די הוראה?"**

האט דער הייליגער חתם סופר אים געענטפערט: **"איך האב באמערקט ווי ער קושט נישט די מזוזה, איך האב געטראכט: 'אפשר פון גרויס פחד פארגעסט ער צו קושן די מזוזה', האב איך אים צוריק גערופן עטליכע מאל, אבער נאכ'ן זען דריי מאל אז ער קושט נישט די מזוזה, קען איך אים נישט געבן קיין היתר הוראה, ווייל א מענטש וואס האט נישט קיין יראת שמים קען איך נישט געבן סמיכה!"**

### א פייער און א ברען

מען דארף ארײן לייגן אין די קינדער א פייער און א ברען צו די הייליגע מצות; בפרט מיט די קליינע קינדער זאל מען זינגען מיט זיי: **"א מחיה ציצית!"** ארײן לייגן א ליבשאפט צו די הייליגע ציצית, און קושן די ציצית.

### קלאצן איז יא אידישקייט?!

איינער פרעגט מיר: "וואו שטייט אז מען דארף זיך שאקלען ביים דאווענען? שאקלען איז נישט אידישקייט..." פרעג איך צוריק: **"און וואו שטייט אז מען דארף קלאצן? קלאצן איז יא אידישקייט?!"** עס איז אמת אז דער עיקר אידישקייט איז די פנימיות, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען טאקע אנקומען צו די פנימיות... אבער קלאצן איז יא אידישקייט?! מען דארף ארײן לייגן אין די קינדער א פייער און א ברען.

### זיך וואשן די הענט

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו איינער פון די מלמדים וואס ער איז געווען זיין מלמד: "דו געדענקסט זיכער ווי אזוי איך האב געלערנט מיט דיר ווען דו ביסט געווען א קינד, אויב א קינד האט זיך געקראצט די קאפ אדער אנגעכאפט זיינע שיך, האט זיך אלעס אפגעשטעלט, איך האב אים געהייסן ארויס גיין זיך וואשן די הענט, מען קען נישט ווייטער לערנען מיט אומריינע הענט".

איי אויב אזוי וועלן די קינדער דאס אויסניצן אלס מיטל צו קענען ארויסגיין פון כתה? איז אויך פיין; וואס זאל איך טון? מען קען נישט לערנען מיט אומריינע הענט, אז מען קראצט די קאפ, מען כאפט אן די שיך, דארף מען זיך וואשן די הענט.

לייגט ארײן אביסל יראת שמים דאס בלייבט אינעם קינד, נישט נאר די 'חכמת התורה', און פארשטייט זיך אז אלעס דארף צוגיין מיט א ליבשאפט, נישט זיין צו שטרענג.

### דערציילן מעשיות פון צדיקים

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר דעם מלמד וואס רעדט צו די קינדער בשעת זיי עסן: וואס איז א חילוק פון א מלמד א גאנצן טאג און א מלמד פון א האלבע שעה א טאג, דו ביסט אויך א מלמד; וואס דערציילסטו פאר די קינדער ביים עסן? אז דו דערציילסט זיי דזשאוקס – וואס וועלן זיי האבן דערפון? דערצייל זיי סיפורי צדיקים, מעשיות פון צדיקים.

יעדע 'ליצנות' וואס מען לייגט ארײן אין א קינד, נעמט מען מיט דעם אוועק אביסל 'יראת שמים'!

# המשך חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פונעם ראש ישיבה שליט"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ב'

מען קען רעדן צום קינד שיין מיט שכל, מען זאגט: **"לאמיר עסן געזונטע זאכן"**, און אז זי וויל נישט, דארף מען אכטונג געבן איר נישט אינגאנצן צו פארלירן.

### א קינד מוז שפירן אז מען האלט פון אים

עס מיינט נישט אז מען זאל נישט מחנך זיין, אוודאי דארף מען זאגן פאר א קינד וואס צו טון, אבער מען טאר נישט אפזיגלען א קינד אויף שלעכט, א קינד טאר נישט שפירן ווי זיין טאטע מאמע האלטן אויף אים אז ער טויגט נישט, און מען בעט אים קיינמאל נישט צו העלפן ווייל ער קען נישט, א קינד מוז שפירן אז זיין טאטע מאמע האלטן פון אים, אז ער קען יא. דאס איז א מורא'דיגע וויכטיגע זאך.

(גענומען פון א חיזוק שמועס, חודש שבט שנת תשע"ז לפרט קטן)

# המשך ...יון פון חִינוּךְ

פונעם ראש ישיבה שליט"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ד'

זיי מיר מוחל אבער איך פארשטיי נישט וואס דו פרעגסט; וואס האט איינס מיט'ן צווייטן, וואס האט חינוך הבנים מיט דן זיין לכף זכות? פארקערט, אויב מען איז דן א צווייטן לכף זכות, מען קוקט אים נישט אן ווי א רשע, דעמאלט קען מען יענעם צוריק ברענגען צום אייבערשטן. דאס זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפב): "דע כי צריך לדון את כל אדם לכף זכות, ואפילו מי שהוא רשע גמור, צריך לחפש ולמצא בו איזה מעט טוב, שבאותו המעט אינו רשע, ועל ידי זה שמוצא בו מעט טוב, ודן אותו לכף זכות, על ידי זה מעלה אותו באמת לכף זכות, ויוכל להשיבו בתשובה", אז מען קוקט גוט אויף א צווייטן, מען זוכט אין יענעם אביסל גוטס – דורכדעם קען מען יענעם צוריק ברענגען צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, י): "ועוד מעט ואין רשע, והתבוננת על מקומו ואיננו", אז דו וועסט טרעפן אין אים 'עוד מעט ואין רשע' – אביסל גוטס וואס אין דעם פרט איז ער נישט קיין רשע, דעמאלט: 'והתבוננת על מקומו ואיננו', וועט ער שוין נישט בלייבן ביי זיינע אלטע מעשים, נאר ער וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

די זעלבע זאך – זאגט דער רבי – איז מיט זיך אליין; די סיבה פארוואס א מענטש טוט שלעכטע מעשים איז ווייל ער טראכט: 'איך בין דאך שוין סיי ווי א רשע, איך קען זיך שוין נישט אומקערן צום אייבערשטן', אבער אז מען טרעפט אין זיך אביסל גוטס, דעמאלט קען מען זיך שוין צוריק קערן צום אייבערשטן. דעריבער פארשטיי איך נישט וואס איז די סתירה פון חינוך און דן זיין לכף זכות; פארקערט אז מען קוקט גוט אויף די קינדער, מען האט רחמנות אויף זיי, דעמאלט קען מען שיין רעדן צו זיי, דעמאלט קען מען זיי מעורר זיין זיי זאלן לערנען און דאווענען און גיין אנגעטון בצניעות וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצד)

# קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אין די בריוו אפטיילונג

- ווועלכע מעשיות איז גוט צו דערציילן פאר קינדער?
- פירן א פשוט'ע בילּיגע לעבן, קען שאטן פאר די קינדער?

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מֶעג מֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר זָאגְט אַסַאךְ מָאל אַז חִינוּךְ אִיז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער – נִישְׁט שְׁלָאגְן, אוּן אוֹיבּ דַארְף מֶען יָא שְׁלָאגְן זָאל עֶס זַיין נָאר אַ קְלֵיין פֶּעטְשְׁל אוֹיף דִי הַאנְט. וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער וֶוען מַיין נַיין יֶערִיג אִינְגְל הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רֶעדְן מִיט גוּטְן אָדֶער בֵּייזְן?

סְפֶּעצְיֶעל וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט, דִי צַייט וֶוען מֶען שִׁיקְט אִים אַרַיין אִין בֶּעט, אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, עֶר הֶערְט מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים. אֶפְשָׁר אִין אַזַא סִיטוּאַצְיֶע מֶעג עֶר יָא בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ אוֹיפְ'ן פָּנִים.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר קְלָאר מַאכְן אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

אַוַודַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָּאלְגְן; מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַארְ'ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְסְ'עֶט זֵיי אוֹיבּ זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ דֶער קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט – עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתָּם זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן וָואס עֶר פָּאלְגְט נִישְׁט אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וְכוּ'; אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד דַארְף אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (תְּשׂוּמַת לֵב) אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט, זוּכְט עֶר אַן אוֹפָן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן וְכוּ', כְּדֵי צוּ גֶעווִינֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד פָּאדֶערְט מֶער תְּשׂוּמַת לֵב, דַארְף מֶען אִים דָאס גֶעבְּן נָאךְ פַאר עֶר הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי אַ קִינְד הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, הֵייבְּן זֵיי אִים אוֹיף; לְמָשָׁל, מֶען זָאגְט הוֹיךְ: "קוּקְט וִוי שֵׁיין עֶר פָּאלְגְט – עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן"; "דוּ בִּיסְט אַזַא צַדִּיק, דוּ פָּאלְגְסְט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן". צוּ גוּטֶע וֶוערְטֶער כַאפְּט זִיךְ יֶעדֶער צוּ; יֶעדֶער וִויל זַיין פוּן דִי גוּטֶע.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אָן תְּפִלָּה נוּצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען וִויסְן אַלֶע עֵצוֹת מִיט אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶּער אָן תְּפִלָּה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. מֶען דַארְף אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצה)

## זָאל מֶען נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חלק א', תּוֹרָה רפב – אַז מֶען דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועקְפַאלְן; מֶען זָאל בִּכְלָל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער. לְמַעֲשֶׂה דַארְף מֶען זֵיי דָאךְ מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף תִּיקוּן הַמִּדּוֹת, כַּשְׁרוּת, צְנִיעוּת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאל מֶען זָאגְן אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס זֵיי טוּעֶן אוּן זִיךְ נָאר מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי גוּטְס? אִיז דָאס גֶענוּג אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אַלֵיין וֶוערְן גוּט? אָדֶער דַארְף מֶען זֵיי יָא מְעוֹרֵר זַיין זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג? אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי דֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען הָאט צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער; דָאס אִיז אַ טָעוּת, חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין. עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיף קִיוּם הַמִּצְוֹת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ", 'יְבָרֶכְךָ – בְּבָנִים', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, 'וְיִשְׁמְרֶךָ – בְּבָנוֹת', אוּן דִיר אָפְּהִיטְן מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער; וַוייל מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן הָאבְּן מֶער שְׁמִירָה וִוי זוּן; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין זֵיי זָאלְן גֵיין בִּצְנִיעוּת וֶועט שְׁפֶּעטֶער זַיין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט.

בַּיים הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיין מֵיידְל מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶענְס אִיז זִי?" הָאט מֶען גֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן דוּ לָאזְט דַיין מֵיידֶעלֶע גֵיין מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת!" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, זִי אִיז נָאךְ אוּנְטֶער דְרֵיי יָאר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל נִישְׁט הֶערְן קַיין תִּירוּצִים, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת"; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וַואקְסְן זֵיי אוֹיף עֶרְלִיךְ, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער גֵיין וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן אוּן מֶען זָאגְט זֵיי גָארְנִישְׁט, מֶען פַארֶענְפֶערְט זִיךְ: 'זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג', וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן.

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד זָאגְט אִים מוּסָר, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פַיינְט זַיין קִינְד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְד וֶועט דָאס קִינְד אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט וַוייל עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מִדְרָשׁ (פַּרְשַׁת שְׁמוֹת – רַבָּה א, א; תַּנְחוּמָא א), וֶועסְטוּ זֶען וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רֶעכֶענֶען אוֹיס נָאךְ מַעֲשִׂיוֹת. חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן פוּן אַבְשָׁלוֹם אוּן זַיין בְּרוּדֶער אֲדוֹנִיָּה וָואס זֵייעֶר טַאטֶע דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר אוּן וָואס עֶס אִיז צוּם סוֹף גֶעשֶׁען מִיט זֵיי. אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יִצְחָק, יִצְחָק הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יַעֲקֹב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

פארזעצונג אין עמוד ג' >>>

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876